STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08925

# AZOY IZ A YUGNT FARGANGEN

S. Symchowicz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אזוי איז א יוגנט פאַרגאַנגען

(ל י ד ע ר)

אַרויסגעגעבן דורך אַ קאָמיטעט פון שרייבער
מאָנטרעאַל, 1950

# ש. סימכאָוויטש

# אזוי איז א יוגנט פאַרגאַנגען

S. SYMCHOWICZ

# AZEI IS A YOUGNT FARGANGEN

## P O E M S

Copyright
S. SYMCHOWICZ
Montreal
1 9 5 0

Printed in Canada
CITY PRINTING CO.

צום הייליקן אָנדענק —

מיין פּאָטער משה־אברהם,
מיין מוטער איטע,
מיינע שוועסטערלעך: טעמע, רחל, מלכלה,
מיין ברודערל גדליה,
מיינע יוגנט־חברים:
משה, פּיניע און אברהם,
און אַלע קדושים פון נעמאַ־אַטוואַצק.

# שבעה

# אַזוי איז אַ יוגנט פאַרגאַנגען

געווען איז אַ יוגנט — ווי דעמבעס צעבליט און צעוואַקסן,
איך זע זיי נאָך איצט אַזוי קלאָר דורך יאָרן אין נעפּל־פאַרהוילן:
אַ יוגנט געברויזט האָט אין אָרעמע יידישע געסלעך,
אַ רוישיקער יונגוואַלד געבליט האָט אין יידישן פּוילן.

ווער קאָן דען פאַרגעסן דעם אַפּגלאַנץ פון זייערע אויגן,
וווּ ס'האָבן געבלויט זיך חלומות פון מענטש דעם באַפרייטן;
און הערצער וואָס האָבן געצאַפּלט פון בענקשאַפט און פרייד,
ווי אָדלער, ווי דרייסטע וואָס רייסן זיך הויך אין די ווייטן.

ביז איצט גייט מיר נאָך דער פאַרכישופטער ראָד פון אַ הוירא,
ווען ס'פלעכטן זיך הענט אין פריידיק־עקסטאַזיקן וויג;
און ס'שטייגן די לעבנס פאַרקניפּטע אין קאַראַהאָדן,
אַלץ העכער און העכער אויף שטאַפּלען פון זעליקער גליק.

און כ'זע אויך ווי ס'ציען מיט ערנסט די יונגסטע סקיפּיסטן,
אַ פאָן, אַ צעפלאַמטע אַרויף אויף אַ באַרגיק געצעלט;
און ס'פלאַטערט די פאָן אין דער הויך ווי אַ פויגל אַ רויטער,
ווי אַ רוף אַ צעווייטער איבער דער ברייט פון דער וועלט.

געווען זיינען שומרים וואָס פלעגן אין הפקרן וואַנדערן,
ווי פרייע ציגיינער פאַרלאָזן אויף וואַכן די שטאָט;
פאַרברוינטע פון זון, דורך שטויב פון די פּוילישע וועגן,
מיט לידער נאָך ציון פאַרבענקטע, מיט יונגען, מיט שטורמיקן טראָט.

איך הער נאָך דעם פליסטער געהיימען פון אַ קאַמיוגישן קרייזל,
אין וועלדל באַהאַלטן אויף טונקעלע גראָזן זיי רוען . . .
און אָט איז מיין היימישע חברה פון יוגנט־בונד, צוקונפט:
מיט מונטער געזאַנג פון דער אַלט־נייער בונדישער שבועה.

ווי קאָן איך פאַרגעסן די מיידלעך וואָס פלעגן באַצירן,
ווי פאַרביקע רויזן איעטווידן ווינקל אין קרייז,
די יונגינקע פאַרלעך וואָס פלעגן אין פאַרקן שפּאַצירן,
פאַרליבטע געקושט זיך ביים שיין פון לבנהקער ווייס.

אין יידישע שטעטלעך וווּ נויט האָט געוויינט פון די טירן,
זיי זיינען געווען די יונגשאַפט, די בענקשאַפט, די פרייד;
נאָר ס׳פלעגן די מאַמעס ניט איינמאָל דאָרט ווייגען ספּאַזמירן,
ווען מיט יינגלעריש בלוט האָט דער ברוק זיך געפאַרבט אויף רויט.

ווען ס׳האָבן עלעקטרישע דראָטן מיט פאַניקן רויט זיך צעפּיבערט,
און ס׳האָבן זיך יאָטן געלאָזט אין די גאַסן, אַ ריי נאָך אַ ריי;
און ס׳האָבן פאַרלאָזענע טאַטעס געציטערט אין איינזאַמע שטובן,
ווען ס׳האָט זיך פון דרויסן דערטראָגן דער ערשטער געשריי . . .

פון געסלעך פון ענגע, פון ארימע יידישע היימען,
די אַלטע יסודות זיי האָבן צעטרייסלט, צעשטורעמט;
מיט לערעס מיט נייע, מיט גלויביקע ביכער געהיימע,
וועלטן צעשטערט און וועלטן באַנייטע געפורעמט.

אויף קרייזן, אין קבוצות מען האָט דאָרט פאַרשידן געלערנט,
דעם זין פון דעם זיין, דעם סוד פונם אייביקן גרייזן;
און יעדער באַזונדער געזוכט האָט פאַרעקשנט דעם וועג,
דאָס אייגענע פאָלק און די מענטשהייט די גאַנצע דערלייזן.

און אַלע צוזאַמען האָבן געפלאַטערט מיט ליבשאַפט און רחמים,
צום לעצטן, צום ווייטסטן אויף ערד־קויל געשלאָגענעם ברודער;
געטראָגן דאָס לעבן אויף אַלע מזבחות, עקדות —
אויף גליאיקע זאַמדן פון מדבר, אויף ברויזיקע גאַסן מאַדרידער,

אין פוילישע תפיסות, די יונגשאַפט פאַרשפאַרט הינטער קראַטעס,
דעם אומעט פון פינסטערע צעלעס זיי האָבן געטרונקען;
געשפּיגן מיט בלוט אויף אַ וועלט אַזאַ אומגערעכטער,
און שטיל אויסגעגאַנגען ווי לעצטע פאַרלאָשענע פונקען.

זיי האָבן געטריקנט די מאַלאַרישע זומפּן פון חולה,
און איבער דער שכנה׳שער גרעניץ קיין מזרח געגאַנגען . . .
זיי פלעגן די שטעטלעך פון פוילן און ליטע פאַרפולן,
מיט פריידיקער אומרו, מיט בונטע און נייע געזאַנגען.

ביז ס׳איז געקומען די שעה פון דעם גורלס אַנטשיידונג,
און ס׳האָט זיי די מענטשהייט די גאַנצע פאַרלאָזט און פאַרראַטן;
עס האָבן אומזיסט זיך געשטרעקט צו דער וועלט זייערע אָרעמס,
אַריבער די מויערן פון געטאָ, אַריבער די דראָטן און קראַטן.

זיי האָבן ביז שעהן ביז לעצטע אַלץ נאָך געהאָפט און געזונגען,
דאָס אייביקע ליד וועגן ווייטן און שיינעם קאַיאָר:
ביז ס׳האָבן טייוולאַנישע אויוונס פאַרצוקט און פאַרשלונגען,
די מחנה די גאַנצע, דעם קרעפטיקן דור!

ביז ס׳האָט דעם יונגוואַלד אינמיטן פון רייפן און בליען,
די האַק פון דעם שעכטער ביז וואָרצל פאַרשניטן;
און שטיל איז געוואָרן אין יידישע שטעטלעך,
פון פוילן אוקראַינע און ליטע . . .

— — — — — — — — — —

אַ, ווער וועט באַזינגען דעם ראַשיקן פריידיקן אויפגאַנג,
פון טויזנטער לעבנס, פון טויזנטער פרילינגס צעבליטע?
און ווער האָט געהערט דען דעם שטילן פאַרלאָזענעם יאָמער,
ווען מען האָט די בונטאַרן און קעמפער געפירט צו דער שחיטה?

מאָנטרעאַל, 1949

# פאַרטיזאַנער

זיי זיינען געגאַנגען אויף וועגן, שאָסייען,
זיי זיינען געגאַנגען דורך וויכער און שנייען:

דאָס בלוט האָט געשפּילט ווי צעזונגענע ווינטן,
מיט טויזנט באַגערן צום שטרייט זיך געצונדן.

זיי האָבן דורך אומקום פאַרביילטע געטראָגן,
דעם גליאיקן רוף: זיך ווערן און שלאָגן!

זיי זיינען ווי חיות פאַרטייעט געלעגן,
אין טונקעלע וועלדער, אויף נאַכטיקע וועגן,

און האָבן דעם מערדער אין שלאַכטן באַגעגנט —
מיט פייער און האַס, מיט בלייענעם רעגן.

געברענט האָבן געטאָס, געברענט האָט אויך דאָן —
אין זייערע הענט דער שטאָל פון נאַגאַן,

געברענט האָט דער ווייטאָק אין האַרץ אַזוי טיף,
און זיך דערהויבן אין אַ מוטיקן רוף:

און ס'האָבן געטראָגן זיך זייערע רופן —
איבער אַ גרויזאַם־געשענדעטער תקופה,

און האָבן באַקרוינט, ווי העלע געזאַנגען,
ס'פאַרפּייניקטע פאָלק אויף דורות אויף לאַנגע.

און געפאַלן זיינען זיי אין שווערע שלאַכטן,
אין האַרבסטיקע טעג, אין שטילע פאַרנאַכטן;

זיי זיינען אויף פעלדער פאַרוווּנדעט געבליבן,
מיט אייגענעם בלוט אויף דער ערד צוגעשריבן,

דאָס ליד פון קאַמף. און אין גסיסה פאַרנומען,
דעם זין פון דער שלאַכט און דעם גלוסט נאָך נקמה!

1947

# שאַטנס

ווו זייט איר, ברידער מיינע, אין דער נאַכט ?
אַ, לאָזט מיך נאָך אַ מאָל אייער קול דערהערן !
עס האָבן אַלע טויערן פון דעם לעבן זיך פאַרמאַכט,
און אין סודות זיך פאַרשלאָסן מיט די שטערן.
און איך זיץ איינזאַם און איך טראַכט און טראַכט,
אייביק וועל איך מיט דער טראַכטעניש זיך נערן !

אַט זע איך אייך — יונג און הויך און שלאַנק,
נאָר שטיל אַזוי איר שטייט, פאַראומערט און באַשיידן
און ס'ווערט מיר פלוצים אַזוי אומעטיק און באַנג,
וואָס איך האָב ניט געטיילט מיט אייך די לעצטע ליידן,
און ס'דעמערט אויף אַזאַ פאַרהוילענער פאַרלאַנג,
מיט אייך זיך צוריק באַהעפטן און ניט שיידן . . .

# ווי אַ טרוים

ווי אַ טרוים פון פאַרגאַנגענע טעג און יאָרן,
גייט אויף מיין היים אין מיין זכרון.

איך זע פון דערווייטן, אין נעפל אין גרויען,
מיין שטעטל, די גאַסן, דעם הימל דעם בלויען,

דאָס טייכל וואָס פליסט דאָרט און שעפּטשעט אַ תפילה,
דורך טעג און דורך נעכט יאָגן כוואַליעלעך שטילע.

און ס׳ציטערט אין ווייטן פאַרלוירן דער ניגון,
פון געבויגענע מאַמעס איבער קינדערשע וויגן.

און כ׳זע מיינע ברידער — די פּוילישע יידן,
פאַרהאָוועט, פאַרשטויביקט אין שטעט אויף יאַרידן,

כ׳פאַרנעם אויך דעם גאַנג פון די באָבעס די פרומע,
דעם בליק פון די מיידלעך, דעם שעמעוודיק־שטומען,

און כ׳זע זיי די יונגען, די פעסטע ווי בוימער,
די בויער, די זוכער, די אייביקע טרוימער.

זיי האָבן די געסלעך פאַרהילכט מיט געזאַנגען . . .
איצט זיינען זיי אַלע אינאיינעם פאַרגאַנגען.

איצט שטאַרן די חורבות פון היימען פאַרברענטע,
און ס׳וויינען די שאָטנס פון לעבנס געשענדטע.

און ס׳יאָמערט מיין האַרץ און הערט ניט אויף קלאָגן,
דורך שטעט און דורך לענדער אין וואַנדער און וואָגל.

1947

# אין יענעם טאָג

עס ברענען שוין די לעצטע פייערן אין די גאסן,
און ס׳טרינקט מיין היים אין אייגן בלוט און וויי;
אויף פליגל פייערדיקע טראָגט זיך אין געשריי —
דאָס גסיסה־ליד פון אומקום און פון האַסן.

אַ טויבע שטייט די וועלט און שווייגט ביים מאָרד,
ס׳האָט די ערד קיין ציטער ניט געטאָן, ניט גערירט פון אָרט;
און ניט די הימלען האָבן זיך געשפּאָלטן,
גאָט אַליין האָט זיך אין יענעם טאָג פון שרעק באַהאַלטן . . .

# הענט...

ניט קיין זיילן פון פייער און רויך,
ניט קיין פלאַמען־געשפּיי פון אַ קראַטער —
האָט אומגעבראַכט די מאַמעס און די טאַטעס.

ניט די ערד האָט צעעפנט איר תהומיקן מויל,
און פאַרשלונגען אין אפגרונטן טיפע —
דעם גאַנצן דור, די קינדערשע גופים,

נאָר אַ האַנט, אַ מענטשישע האַנט!
האָט פאַרצוימט און פאַרפּענטעט מיט אומקום און בראַנד . . .

און מענטשן־הענט האָבן די קינדער צעפּליקט,
און מענטשן־הענט האָבן אין אויוונס געשיקט.
און מענטשן־הענט האָבן געשאָכטן, גערויבט —
מענטשן־הענט האָבן געטויט זיי, געטויט.

מאָנטרעאַל 1949

# שבעה

איך וועל איצט שבעה זיצן נאָך מיין היים,
און רייסן קריעה פון מיין אייגענעם געביין;
איך וועל ווי איוב דעם ווייטאַק אויף קאָפּ און אַקסל טראָגן,
און מיט אַש פאַרדעקן מיינע בלוטנדיקע ווונדן.
איך וועל מיין לעבן ווי אַ מצבה צו זייער טויט פאַרבינדן,
און טריפן וועלן אַלע מיינע טעג מיט טרויער —
נאָך מיין אַפּגעמעקטער היים.

## אוּן וואָס ? . . .

און וואַס זאָל איך איצט טאָן מיט מיינע אכטאונצוואַנציק יאָר?
אַז אויסגערונען איז די פרייד פון זיי אינגאַנצן;
איך בין אַן אָפּגעהאַקטער צווייג פון אַזאַ דור,
וואָס קאָן שוין זיך אין ערגעץ ניט פאַרפלאַנצן . . .

איך וואָלט באַדאַרפט מיט מיינע אַכטאונצוואַנציק יאָר,
אויסקויפן די גרויסע זינד פון זיין;
וואָס איך אַליין האָב מיטן גאַנצן דור,
ניט געוואָלט אין טויט פאַרגיין.

1949

# ווי אַ משכון

ס׳האָט הונדערטער מײַלן מײַן פוס אויסגעמאָסטן,
געוואָרפן מיך האָבן גורלות צעשפּילטע;
מײַן היים האָט געשטיקט זיך אין רויך און אין פלאַמען,
און איך בין אַ גאַנצער אַרויס פון דער שחיטה.

כ׳האָב ווײַטער געבלאָנקעט אויף שטויביקע שליאַכן,
דורך סטעפּעס און טײַגעס מײַן וועג האָט געשניטן;
און כ׳האָב זיך געברודערט מיט אומגליק און הונגער,
נאָר טויט האָט זײַן האַנט פון מײַן לײַב אויסגעמיטן.

ווי זאָל איך אַצינד דעם חשבון אויסגלײַכן,
וואָס מאָנט און ברענט ווי סם אין די גלידער;
איך טראָג דאָך מײַן לעבן ווי אַ משכון אַ פרעמדן —
געבאָרגטן, בײַ מײַנע פאַרטיליקטע ברידער . . .

# מאַמע

פון ווייטע מרחקים רוף איך צו דיר,
און אומעטום הער איך דיין געוויין:
וואָלט איך פליגל געהאַט איצט אויף מיר,
צו פליען איבער גרענעצן צוריק, צוריק אַהיים.

איך זע דיך שטיין אויף קרייץ פון וועגן,
מיט הענט פאַרבראָכענע אין ווי און ווינד;
און דיינע ליפּן ווערן גאָרניט מיד פון פרעגן:
האָט ווער ניט ווו געזען מיין איינציק קינד?

און אָט זע איך דיך — אַ ווערבע איינגעבויגן
אויף שוועל פאַרלאָזענער, פינסטער און אַליין;
באַגלייטסט מיך, מאַמע, אויף אַלע מיינע עלנט־וועגן,
און דיינע טרערן זיינען איצט מיין לעצטע היים.

# קאַן זײַן

קאַן זײַן, אַז ס׳קאָן נאָך עמיץ פרייען זיך מיט ליכט,
און שפּיגלען זיך אין גלאַנץ פון טוי און רעגן;
נאָר איך זע בלויז מײַן מאַמעס טויט געזיכט,
וואָס בלאָנקעט מיט איר שאָטן אויף אַלע מײַנע וועגן.

מײַן ליד איז בלויז אַן אַנגעפּילטער לאָגל,
מיט מײַן מאַמעס אויסגעוויינטע טרערן;
איך טראָג אים מיט אין מײַן מדברדיקן וואָגל
אויף אַלע מײַנע בלינדע וועגן . . .

# וועמען ? . . .

א, וועמען גייט איצט אַן מיין בלינדער ווייטאַק
און ווער באַדאַרף דען מיין פאַרבענקטן וואָרט ? . . .
און וועמען בין איך איצט דער לעצטער, נויטיק,
אַט דאָ — אויף מיין געשענדעטע היימיש אָרט ?

דעם טאַטנס קבר האָב איך ניט געפונען,
פאַרלאָזן שטייט די נעסט פון מיין געבורט.
ווי קאָן מיך וואַרעמען די שיין פון נייע זונען,
אַז ס'שרייט אַרויס פון יעדן ווינקל — מאָרד ! . . .

אָטוואָצק, 1946.

# מיין טאַטע

מיין טאַטע איז געווען אַ שטאָלצער ייד,
דורותדיקע חכמה האָט געשיינט פון זיינע וויעס;
און דורותדיקער טרויער האָט אין שוואַרצאַפּלען געטליעט,
נאָר גלויביק־זיכער געווען זיינען זיינע טריט.

ס'איז טיף געווען זיין ריידן, און טיפער נאָך דאָס שווייגן,
ער האָט געטראָגן דעם שווערן שטיינערדיקן גורל —
רואיק און געלאַסן ווי זיין שטייגער,
אָן פּוסטע רייד, אָן טענהס צו דעם בורא.

געווען ביי אונדז אַ שטוב מיט קליינע קינדער,
און ער אַליין געמוזט האָט זיין דער שפּייזער;
פלעגט נויט פאַרגנבנען זיך צו אונדז אויף ווינטער,
מיט הונגעריק געשריי און מיט געבייזער . . .

האָט ער די נויט פון שטוב אַרויסגעטריבן,
מיט זשומענדיקן קול פון אַלטער ניי־מאַשין;
און שטענדיק איז אַ טרייסט געווען אויף זיינע ליפּן:
ס'איז דאָך אויף וועלט פאַראַן אַ סדר און אַ זין . . .

און ווען מלחמה־שרפה האָט היימען אָנגעצונדן,
און איך בין אין דעם זיכער־לאַנד אַוועק;
איז ער פאַרבליבן מיט מאַמען און מיט קינדער,
באַשיצן זיי פון בייזען פּיין און שרעק.

און אַז מען האָט געפירט צום טויט די גאַנצע עדה,
ווי שייטערס האָבן היימען שוין געברענט;
איז ער געגאַנגען ווי אברהם צו דער עקדה
מיט יונגסטן קינד געאָרעמט אויף די הענט.

וורא‏צלאַוו 1947

# אבל־ליד

אויפֿן קבר פֿון ז. סעגאַלאָוויטשן

ווי סטרונעס פֿאַרקלעמטע —
אין פֿידלערס פֿינגער,
געפּלאַצט האָט דאָס האַרץ,
פֿון איידעלן זינגער.

נאָך זילבערט זיין קאָפּ,
ווי אַ קרוין פֿאַר די אויגן,
און שטאָלץ שוועבט דער בליק —
מיט טרויער פֿאַרצויגן.

און שוין איז ניטאָ דער,
וואָס פֿלעגט אונדז פֿאַרוויגן,
מיט בלויע געזאַנגען,
מיט צערטלעכן ניגון.

אין יידישע שטעטלעך,
אין געטאָס פֿון פּוילן,
געווען איז זיין ליד —
אַ טרייסט אין די גרוילן.

ער האָט אין די אָרעמע —
שטיבער געגנידערט,
געזוניקט די נויט,
מיט שטערן פֿאַרברידערט.

געוועזן ר׳איז ביי אונדז —
פון שיינקייט דער ריטער,
פון אַלטע לעגענדעס,
פון חלומות דער היטער.

זיין ליד איז געוועזן —
פלאַטער פון פליגל,
ווי ס׳וואָרקען פון טויבן —
זיין לויטערער ניגון.

ער האָט וועגן בערג —
געטרוימט און געזונגען,
נאָר טיף אין תהומען —
דער דור איז געזונקען,

און ער האָט געשפּאַנט —
מיט טריט מיט געברענטע,
אויף שליאַכן פון וואָגל —
אין אַש פון פאַרלענדטע.

ער האָט פון זיין האַרץ —
די פרייד אויסגעריסן,
מיט וויי פון דערמאָנונג —
געברענט דאָס געוויסן.

* * *

מיר לעצטע יתומים —
פון דור נאכן שטורעם;
מיר זאַמלען צענויף זיך
ביי אָפענע קברים.

מיר שטייען — אבלים,
געבויגן און קלאָגן:
אָ, ווער וועט זיין ניגון —
באַנייען און טראָגן?

פּאַריז, 1949

# דורך דורות

דורך דורות דורך לאַנגע עס ציט זיך אַ ליד —
דאַס ליד פון דעם אייביק־געפּייניקטן ייִד,
פון הונדערטער יאָרן פון ווייטע כ׳פּאַרנעם,
דעם גאַנג פון מיין זיידן על קידוש־השם,
דעם גאַנג פון מיין טאַטן — איך האָב אים דערקענט,
דעם גאַנג פון מיין פאָלק אויף שייטערס געברענט.

עס ציט זיך פון קדושים אַ טויטן־פּאַראַד,
דורך דורות, דורך וועלטן, אומענדלעכער צייט,
און איך גיי מיט, מיטן גאַנג פון מיין שטאַם,
און טראָג אין מיין האַרצן זיין אייביקן פלאַם.

דורך מאָרד און דורך שרפות, געלייטערט אין פּיין,
מיר פאַלן און שטייגן, מיר פאַלן און גייען;
און ווייטער מיר שפּאַנען מיט געשלאָסענע הענט,
און ברענען ווי דער דאָרן וואָס ווערט ניט פאַרברענט.

וראַצלאַוו, 1948

# וואָגל

# אַנטלויפסט

אַנטלויפסט, ברודערל, אַנטלויפסט
אַנטלויפסט, האָסט מורא . . .
נאָר ווייס: ניטאָ איז קיין אַנטלויף —
פאַר דעם גורל.

אַנטלויפסט, ברודערל, אַנטלויפסט
צופוס, מיט באַנעז,
נאָר ווייס: יעדער פרעמדער הויף —
וועט אין דער היים דיך דערמאַנעז.

## וווהין?

אויף מזרח מיר שפּאַנען אין וואָגל און וואַנדער,
באַגלייט מיט געוואַי, באַגלייט מיט יללות;
און ס'פּלאָקערט דער ווייטאָק אויף ווינט זיך פאַרנאַנדער,
און ס'פּייניקט די שיין פון פאַרברענטע אמאָלן.

אויף מעריב מיר ציען — צעשראָקענע פייגל,
פאַרברענט איז דער וואַלד שוין, צעשטערטע די נעסטן;
דעם דעמפּיקן עיפּוש פאַרחלשט מיר זייגן,
אין לאַגערס פאַרשטיקטע, אין באַנען פאַרפּרעסטע.

מיר לויפן אויף צפון, מיר יאָגן אויף דרום,
דורך שטעט און דורך לענדער, אויף שטיינערנע וועגן;
די וועלט איז אַ ים אַ צעוויגטער אין שטורעם.
און ווו איז אַ רעטונג און ווו זענען ברעגן?

עס יאָגט אונדז דער פיינט . . . און דער אייגענער שאָטן,
עס יאָגט אונדז די אומרו מיט פחד אין האַרצן;
אָ, ווו איז אַ היים! אָ, ווו איז אַ באָדן?
אויפסניי צו פאַרנעסטן, אויפסניי צו פאַרוואָרצלען? . . .

II.

עס ציטערט אין בריוולעך מיט אותיות פאַרפלעקטע,
ווי שמות ווי אַלטע צעקנייטשטע פאַרמעקטע,
דער אומרו, וואָס ברענט אונדז, ווי סם.
און ס׳לויפן די בריוולעך אריבער דעם ים,
ווי פאַרוויאַנעטע בלעטער אין הארבסטיקן פלי.
און יעדער בלאַט איז אַ מאַנונג, אַ בעטונג
צו קרובים פאַרפרעמדטע נאָך היים און נאָך רעטונג,
נאָך רו, נאָך רו . . .

פאַר ווּעמען מיר לויפן און וווהין מיר לויפן,
מיר קאָנען אַצינד שוין ניט ענטפערן זאָגן;
מיר זיינען אַבלים פון חרובע הויפן,
און קאָנען בלויז קלאָגן, און קאָנען בלויז קלאָגן.

פאַרמישט האָט פאַר אונדז זיך די פאַרב פון קאָלירן,
און גוטס מיט שלעכטס פאַרמישט איז געוואָרן . . .
פון אומגליק פאַרטויבטע מיר קאָנען די שפורן —
צוריק ניט געפינען צו אַמאָליקע יאָרן.

מיר בלאָנקען פאַרלוירן אויף שטיגן און שטאָקן,
און צאַפּלען מיט הענט ווי מבולבלה, שטומע:
און בעטלען רחמנות מיט אויגן צעשראָקן —
מיר היימלאָזע קינדער פון ווילדער מהומה.

אויף פֿרעמדע געלעגערס ווען קעלט איז אַ שאַרפֿע,
און שניידט ווי מעסער דעם חלל פֿון שטיבער;
ברומט אויס אונדזער האַרץ — אַ צעבראַכענע האַרפֿע,
אַז איינזאַמען קדיש צו פֿאַרלאָזענע גריבער.

מיר ווילן אין חלום אַנטלויפֿן, זיך רעטן,
אַנטרונען וו ערגיץ פֿון גורל, פֿון וואָר;
קומט ניט קיין חלום און צו ווער מען צו בעטן —
איז אויכעט ניטאָ, איז אויכעט ניטאָ . . .

מיר דרייען זיך אום אין פֿאַרכישופֿטע קרייזן,
און שלאָגן אין שוואַרצע פֿאַרשלאָסענע טויערן;
און קאָנען נאָך אַלץ ניט דעם גבֿול איבערשפּרייזן,
און אויך ניט אַנטלויפֿן פֿון אייגענעם גורל.

אין שלאָפֿלאָזע נעכט באַפֿאַלן מחשבֿות,
און פּיקן דעם מוח, ווי פֿינסטערע ראָבן;
דו זעסט נאָך דעם גאַנג פֿון דיינע אייגענע אָבֿות,
דאָס פּנים דאָס אַלטע פֿון מאַמען און באָבען.

נאָר וווּ איז דיין גאַנג? דו מוזסט דאָך באַשיידן,
אין שעהן אין האַרבע אויף קרייץ פֿון די וועגן;
אַוועק איז אין פֿלאַמען דיין טאַטע דיין זיידע,
און וווּ גייען מיר? און וועמען אַנטקעגן?

פּאַריז 1949

# ווייסע בריוו

עס מוז דאַך זיין אַ שעה פון פרייד,
ווען ווי אַ טויב איז שטילן פלי
וועט אָנקומען אַ ווייסער בריוו
און אָנזאָגן: דו ביסט געטרייסט!

איך גיי אים נאָך מיט צאַפּלדיקע טריט
איך גיי יעדן טאָג און ווער ניט מיד.

אַ, ווייסע בריוו — באַגלייטער פון מיין וואָגל
איר ווייסט בלויז דעם סוד פון מענטשנס ווייען!
איך גייט מיר נאָך און קאָנט מיך ניט דעריאָגן,
איך וואַרט אויף אייך און קאָן זיך ניט דערפרייען.

# פון מיין לעבן

איך האָב מיין קינדהייט געלאָזן אין אַ פינסטערן שטיבל,
ווו ווענט האָבן גאָסע באַוויינט אונדזער גורל;
שוין קליינוויז האָב איך זיך געטראָגן אַ טריבער,
געיאָגט פון געהיימער פאַרבאָרגענער מורא.

אין פינסטערע נעכט האָבן מאַמעס טרערן,
באַוואַכט אונזער נעסט פון פיינטלעכע שלעכטסן;
און כ׳פלעג אין דער שטילקייט פון שטיבל דערהערן,
מיין טאַטנס פאַרטייעטע הייליקע קרעכצן.

און כ׳האָב אין די חצותיקע שעהן פאַרנומען,
ווי ער האָט געפירט מיט גאָט אַ וויכוח:
„אוי טאַטע אין הימל, נו זאָל ער שוין קומען,
און ברענגען די גאולה שלימה, משיח״

און איך האָב פון נויט געוואָלט זיך באַפרייען
ניט מיט קיין תפילות — מיט פויסטן מיט האַרטע . . .
נאָר סיי ווי איז אומקום אַנטקעגן געקומען
אַנשטאָט די אַלע משיחים דערוואַרטע . . .

און איך בין אַנטרונען — אַ שפליטער אַ לעצטער,
געלאָפן אויף מזרח אויף וועגן פאַרוויטע;
אין אייגענעם שווייס געוועזן אַ צענעצטער,
געטעמט די פרעמדקייט פון שטויביקע ווייטן.

און ס'האָט זיך מיין גוף געוואַלגערט אויף וועגן,
ווי עפּעס אַן אָפּפאַל, אַ שרץ, אַ וואָרעם,
און יעטווידער שטיין איז געווען מיין געלעגער,
איך האָב זיך געוויקלט אין קרייז פון יסורים.

און ס'האָט מיך געשליידערט דער ווינט איבער וועגן,
דורך שטורעם און זאַווייען, דורך נאַכטיקע שלאַקסן;
און איך האָב געבלאָנקעט אָן היים און אָן ברעגן,
מיין יוגנט געטראָגן אויף געבויגענע אַקסל.

און כ'וואַגל ביז איצט נאָך מיט טאָרבע און גראַטעס,
און אַ בינטעלע כתבים — טרעריקע לידער,
און מיט דערמאָנונג פון מאַמעס און טאַטעס,
פון אַלע פאַרפייניקטע יידישע ברידער.

פאַריז 1949

## אַנטלויפנדיקע קינדער

נאַכט. די שטאָט פאַרהילט אין אימה,
די גאַסן דורכגעווייקט מיט רעגנדיקן טונקל,
אַ שוואַרצער וואָגן מיט פאַרלאָשענע לאַמטערן
שאָטנט שרעקיק פון אַ זייטיק ווינקל.

און מענטשן שלייכן דאָרט, ווי לונאַטישע געשפּענסטער,
און טאַפּטשען שטיל פאַרלוירן אין דער פינסטער;
און עמיץ זעגנט זיך און עמיץ וויינט,
און עמיץ כליפּעט שטיל, עמיץ שטייט פאַרשטיינט.

עס טריפט דער רעגן איבער זיי מיט טרערן,
און דער מאָטאָר פאַרטויבט די אָפּגעהאַקטע רייד:
לעצטער אויגן־ציטער, ווי פאַלענדיקע שטערן —
און אַלץ פאַרשווימט אין נאַכטיש־טיפער ווייט.

ווי צווייגן אויסגעקרימט פון ווינט און רעגן,
אומזיסט שוין שטרעקן הענט צו אַנטלויפנדיקע קינדער;
און ס'בלייבן מאַמעס שטיין אויף איינזאַם־וועגן,
פאַרלוירענע אין חושכדיקער נאַכט, ווי בלינדע.

ווראצלאַוו 1948

# איך האָב געפּרוווט

איך האָב געפּרוווט אַ נעסט אויף קברים בויען,
כ׳האָב מיט טרייסט פאַרוויקלט מיין פאַרווונדעט לייב;
איך האָב אַליין פאַרהוילן מיין בזיון,
און שטרענג מיין האַרץ באַפוילן: בלייב און גלויב!

בלייב דאָ, להכעיס, אויפן אָרט פון חורבן,
און גלויב אין דעם פאַרשוועכטן מענטש:
און די ערד ווו מען האָט דיין היים פאַרדאַרבן,
מיט דיינע אָרעמס נעם אַרום און בענטש . . .

נאָר מיד בין איך פון דורותדיקן ליידן,
און מיד בין איך פון אייביק זיין דער קרבן;
איך קאָן שוין מער ניט בלייבן און ניט גלויבן,
דאָרט ווו מיין היים איז אין ים פון האַס געשטאָרבן . . .

ווראָצלאַוו, 1948

# צו פוילן

פון טויזנטער מיילן, פון טויזנטער ווערסט,
גייט נאָך מיר דאָס גאָלד פון דיין ווייץ, פון דיין גערשט;
גייט נאָך מיר דער דופט פון דיין לאָן, פון דיין פעלד,
אין וועלכן עס ליגט דאָרט באַגראָבן מיין וועלט . . .

און דאָ ביי דעם ברעג פון דער סענע אַצינד,
מיר דאַכט, אַז איך פיל פון דער ווייסל דעם ווינט;
ווען כ׳פלעג אין פאַרנאַכטן שפּאַצירן ביים ברעג,
אין יענע פאַרגאַנגענע גליקלעכע טעג.

אָ, פוילן! געווען ביסט דער אויפגאַנג פון מיין קינדישער וועלט,
געווען ביסט מיין וויג און געווען ביסט מיין לאַנד;
איצט ביסטו פאַר מיר — טרעבלינקער פעלד,
איצט ביסטו דער קבר און די אייביקע בראַנד . . .

פאַריז 1949.

# אין צוג

דער צוג שניידט די ווייטקייט אין ווילדן געלויף,
און יאָמערדיק יאָגן די ווינטן אים נאָד;
ער וויגט זיך, און וויגנדיק וויקלט ער אויף,
ווי אַלטע ירִיעות — מיין ווי און מיין בראָד.

איך קוק דורכן פענסטער — עס בליט שוין דאָס פעלד,
און פריידיק באַגריסט מיך אַ גרינינקער קוסט;
נאָר מיר האָט אַ וואָלקן די אויגן פאַרשטעלט,
און פינסטערער טרויער פאַרקלעמט האָט מיין ברוסט.

קאָן זיין, אַז דאָס וואַלד, וואָס איך פאָר איצט פאַרביי,
האָט פאַרנומען אין זיין טיף זייער לעצטן געשריי;
און אפשר דאָרט ליגן אין ערדישע שפּאַלטן —
די פוילענדע גופים פון נאָענטסטע באַהאַלטן . .

איך ווייס ניט, און וועל שוין קיינמאָל דערגיין,
דעם גרויליקן סוד פון זייער פאַרגיין.

אַ, ווו זאָל איך זוכן? און וועמען דאָ פרעגן?
עס שטומען די פעלדער, עס שווייגן די וועגן;
און ס'וויגט מיך דער צוג און צעבויטעט מיין ווייטאָק,
און טראָגט מיט מיין טרויער מיט זיך אין די ווייטן.

וואַרשע, 1948

## עלנט

איך האָב אַ גאַנצן טאָג געבלאָנקעט
איבער פרעמדע גאַסן
אַ געפאַנגענער אין נאַסע נעצן
פון אסיענדיקן רעגן.

איך בין געגאַנגען אַ פאַרלאָשענער
און געזוכט אַ שטראַל
וואָס זאָל מיך אָנצינדן,
און געזוכט אַ מענטש

וואָס זאָל מיט דעם אָטעם פון גוטע רייד
אויפטייען מיין האַרץ —
וואָס איז פון גרויסן צער
פאַרגליווערט געוואָרן.

און כ׳האָב געזוכט אין מיין עלנט
עמיצן וואָס זאָל אַ האַנט דערלאַנגען,
מיך טרייסטן מיט אַ וואָרט, אַ בליק;

איך האָב געזוכט אַ גאַנצן טאָג —
און ניט געפונען.

פאַריז, 1949

## ביינאַכט

ביינאַכט זיינען גאַסן ווי טייכן
פאַרגראָבן צווישן די מויערן,
דער ברוק — אַ פינסטערער שפּיגל
וווּ אַלץ ווערט דערטרונקען, פאַרלוירן.

און ס'לייכטן לאַמטערן ווי שטערן,
וואָס רופן דיר ערגעץ, פאַרפירן;
און ס'שווימען די אויטאָס אויף אַספאַלט,
ווי שיפלעך פאַרביי דיר אָן שפּורן.

און ס'איילן זיך מענטשן און לויפן
נאַס און געצוואָגן פון רעגן;
ביינאַכט זיינען גאַסן ווי טייכן,
און הייזער ווי שטיינערנע ברעגן.

פאַריז, 1949

# געשפּענסטער

עס וויגט זיך די שיף איבער ימיקע ווייטן
און טראָגט מיך אַוועק פון פאַרשאָלטענע ערטער.
נאָר זע: אויך דאָ רינגלען אום און באַגלייטן —
די נעכטיקע מערדער . . .

עס שטעכט זייער לשון, ווי בריגראַז אין אויערן —
טרעבלינקעס באַשאָפער באַגלייטן מיך ווייטער . . .
און אינמיטן אַטלאַנטיק, ווו כ׳וואָגל פאַרלוירן,
געשפּענסטיק גייט אויף דער אפגלאַנץ פון שייטער.

1949

# וואָגל־ליד

איך האָב שוין אַלץ געזען און אויף מיין הויט פאַרזוכט,
און זיך געבברידערט שוין מיט טויזנטער געפאַרן;
עס קאָן שוין קיין זאַך ניט דערפרייען מער מיין האַרץ,
און קיין שום אומגליק קאָן שוין מיך ניט אַרן.

אַט שווים איך איבער ימים צו אַ ווייטן ברעג,
און מאָרגן קאָן עס מיך צוריק אַ שליידער געבן;
ווייזט אויס אַזוי איז שוין באַשערט אין מיינע טעג,
ווייזט אויס אַזוי איז שוין דער גורל פון מיין לעבן.

וויג איין, אַ גרויסער ים, מיין פאַרטונקלטן געמיט,
קיל אָפּ דעם ווײ פון מיינע טיפע ווונדן;
און טרייסט מיך שטילע ווערטער פון מיין ליד,
אויף וועגן היימלאָזע פון מיין וואָגל־וואַנדער.

אויפן אַטלאַנטיק, 1949

# בענקניט

אַ, בענק ניט, ייִנגל, נאָך דײַן מיידלס ווייסער האַנט,
און נאָך איר צאַרטן פּיבערדיקן בליק;
עס איז ניטאָ שוין מער פאַר דיר איר לאַנד,
אָפּגעברענט זײַנען אַלע וועגן שוין אויף צוריק.

אַ, בענק ניט, ייִנגל, נאָך דער זיסער זאַפטיקייט פון קוש,
און נאָך דײַן איינציק אַנגעוווירן גליק;
ס׳האָט דער שטורעם־ווינט די שפּורן שוין פאַרווישט,
און אַ שׂרפה האָט פאַרברענט צו הײם די לעצטע בריק.

# פאַרגיב מיר

און דו —
בלוט פון מיין בלוט און לייב פון מיין לייב,
און דו —
וואָס ביסט מיר אַ חבר, אַ מאַמע און ווייב,
פאַרגיב מיר. . .

פאַרגיב מיר די גרויקייט פון דיינע האָר,
פאַרגיב מיר די ביטערניש פון אונדזער וואָר,
פאַרגיב מיר. . .

## דיין נאָמען

און טויזנט מײַלן האָב איך דורכגעוואָגלט,
דורך לויערדיקער געפאַר און ברענענדיקע וועגן;
נאָר אומעטום האָב איך אין האַרצן דיך געטראָגן,
אין שעהן אַנגסטיקע געקומען ביסטו מיר אַנטקעגן.

דער טויט האָט מיך געיאָגט פון אַלע זייטן,
די שרעק האָט מיך פאַרטויבט מיט ווילד געיאָמער;
נאָר דו פלעגסט מיך אין טויט־געפאַר באַגלייטן,
און ווי אַ תּפילה געפליסטערט האָב איך — דיין נאָמען.

לוצק 1939

# אונדזער קינד

מיר טראָגן אויף אַלע פאַרוואָגלטע וועגן —
מיט ציטער אין הענט אונדזער לעצטן פאַרמעגן,
אויף פרעמדע געלעגערס, אין נאַכט און אין ווינט
מיר טוליען און שיצן פון קעלט אונדזער קינד.

אונדזער קינד האָט דעם אומרו מיט ברוסטמילך געזויגן,
און אין די פרעגנדיק־גרויסע קינדערשע אויגן —
פון דורות דער טרויער טיף ליגט באַהאַלטן;
נאָר ס׳לויכטן די אויגן מיט ליכט מיט אוראַלטן,

און ליפּעלעך שמייכלען, ווי שטראַלן צעשפּילטע,
און ס׳וואַרעמט איר אָטעם און ס׳טרייסט איר געוויין.
מיר בלאָנקען מיט פּחד דורך וועלפישע שליאכן,
און זוכן אַ וויגל און זוכן אַ היים.

# האַפענונג

# האָפֿענונג

און ווידער פלעמלט פאַר מיין אויג —
אַ שטראַל פון האָפֿענונג,
ווי אַ שטערן אין בלינדער נאַכט —
פאַר אַ ווייטן גייער.

אַ, גאָט!
לעש ניט אויס דאָס ליכט,
דאָס איינציקע, דאָס שטראַלנדיקע ליכט —
אין דער לאַנגער, אין דער חורבנדיקער נאַכט
פאַר אונדז —
די פאַרוואַגלטע גייער.

# צום ליכטיקן ברעג

איך ווייס ניט אויף זיכער
פֿאַראַן ס׳איז א זון —
פֿאַר מיינע פֿאַרוואַלקנטע טעג.
נאָר דאָך זיפּט זיך דורך
אַ שטראַל אין מיין האַרץ,
און דאָך זעט מיין אויג —
אַ ליכטיקן ברעג.

וועל איך שפּאַנען צו אים
דורך פֿאַרוואָלקנטע טעג
און דורך דאַרנדיקן וועג,
צו אים —
צו דעם ליכטיקן ברעג.

# אין טעג אַזעלכע העלע

אין טעג אַזעלכע העלע,
גיי איך פּוסט און פּאַס —
און רו זיך אָפּ אויף שוועלן
ערגעץ אויף אַ גאַס.

די זון קוקט אין די אויגן,
און וואַרעמט אָן דאָס בלוט;
און כאַטש איך גיי געבויגן,
העלט אויף אין מיין געמיט.

און זע איך קינדער שפּילן —
זיך פריילעך אויפן פעלד,
גייט אויף אין מיר אַ זעאונג,
פון מיין קינדער־וועלט.

כ׳זע ביימלעך מיר דערנעבן,
צעגרינט מיט פרישן בלי —
דערפיל איך אין זיך: לעבן
און שלודיקע רו.

און איבער מיר אַ פויגל —
זינגט אַ פרילינג־ליד,
זינגט עס אין מיין האַרצן,
זינגט אין מיין געמיט.

פּאַריז, 1949

## גוט מאָרגן !

גוט מאָרגן זון !
איך גיי אַנטקעגן דיר —
מיט אויסגעשטרעקטע הענט.
אָ, נעם און וועב מיך איין,
אין דיין שטראַלנדיק געוועב.
אָ, נעם פאַרברען —
די שוואַרצע אומעט־נעץ,
וואס וויקלט ווי אַ שלאַנג
אַרום מיין זעל.

אָ, נעם !
און זוניק דורך מיין האַרץ,
און הייל מיך אויס,
פרימאָרגנדיקע זון !

# אין בלויען באַגינען

אין בלויען באַגינען איז שניידנדיק קיל,
די בערג — אין קאַיאַריקער קלאַרקייט פאַרהילט.

מיט פייגל־געזאַנג פול איז די לופט,
און שאַרף איז דער ריח פון גראַזיקן דופט.

אַ ליטערקייט רוט אויף פליין און אויף ווייט,
אַ האָן האָט זיך ערגעץ־ווו פריידיק צעקרייט,

אַ קוקולקע קוקולט איר פאַרטאָגיקן שיר,
און ס׳שווימען די קלאַנגען אַהער דאָ צו מיר.

כ׳בענטש אַז ווערטער אַ גרעזל, אַ צווייט,
און פעלדער וואָס ליגן אין פרילינג צעבליט,

*  *  *

ווער קאָן דען באַזינגען אַ פראָסט שטיקל פעלד,
אַ קליינטשיקן חלק פון גרויס־גרויסער וועלט?

די בערג דאָ אויף רעכטס משופּעדיק־קרום,
שווייגן אין אייביקן דויער פאַרשטומט.

און ווייטער אַ טאָל באַוואַקסן, באַגרינט,
דאָ נעכטיקט אויף גראָזן אויף וויכע דער ווינט.

און איבער די בערג הענגט אַ קרויניקער וואַלד,
און אינמיטן פון בערג האָט אַ טאָל זיך צעפּראַלט.

דער וואַלד שטייט און שאָקלט זיך ברומענדיק שטיל,
דער טאָל ליגט אין טעפּיכער צאַרט איינגעהילט.

אַ כאַטקע אַ ווייסע ווי אַ קינדערשע שיף,
פאַרקלאָמערט האָט זיך ביים ראַנד פון דער טיף.

דער קוימען — אַ הענטל, פאַרשטאַרט אין דער הויך,
שנירלט אַ שנירעלע בלויענקן רויך,

אַ סעדל אַ גרינס האָט דאָס הייזל באַצוימט,
און שטייט אין פאַרטאָגיקע שעהן פאַרטרוימט.

— — — — — — — —

פון צווישן די בערג ארויס איז די זון,
און זיך צעשפּרייט ווי אַ ליכטיקע פאָן.

איבער באַגינענדיק־טויאיקן פעלד,
און איך ביין געגאַנגען אַנטקעגן צעהעלט —

מיט אויגן פאַריסן אין הימלישער הייך,
און מיר האָט געדאַכט זיך: די זון איז אַ טייך — — —

וו ס׳גיסן זיך גאָלדענע שטראַלן צענויף,
און ס׳טראָגן מיך שטראַליקע כוואַליעס ארויף — — —

ווי ווינטן וואָס טראָגן צעשאָטענע זוימען —
אין לאַנד פון אומענדליכע ליכטיקע טרוימען.

דושניקי, 1948

## אַ, פֿאָלק מיינס

אַ, פֿאָלק מיינס הויב אויף דיין געשלאָגענעם קאָפּ,
כאָטש הימל איז ווייט נאָך ניט לויטער און קלאָר,
נאָר זע, ווי דיין שטערן פֿון לעבן גייט אויף,
ווי ס׳גייט אויף אין ווייטאָק געבוירן — דיין דור.

אַ, פֿאָלק מיינס, פֿון תהומען פֿון יאוש שטייג־אויף,
און שלאָג, ווי אַ קוואַל אין זיין מעכטיקן לויף.

אַ, פֿאָלק מיינס, אויף וועלטישע שליאַכן צעשפּרייט,
פֿאַרשטומט זאָל ניט ווערן דיין וונדער־געזאַנג.
ווי ס׳קרייזט אום די זון אין אומענדלעכער צייט,
אַזוי איז דיין אייביק־באַזיניקטער גאַנג.

# אַ גרוס

יפהן.

אַ גרוס דיר מיין שוועסטער פון ווייטן קיבוץ,
אויף דער זאַמדיקער ערד פון ראָש־פּינה;
וווּ ס׳גייט אויף דיין לעבן אין שווייס און אין מי,
וווּ האָסט דיר אַ זוניקע נעסט דאָרט געפונען.

און ווען איך בלאָנקע אַרום איבער וועלט,
און וויל זייען קערנער פון לעבן — אין אַשן;
זע איך דיין הויז אין זונגלי צעהעלט,
באַגלייט מיך דיין מי — אין טויען געוואַשן.

און כאָטש האָסט פאַרוואָרפן די שפּראַך פון דער מאַמען,
און ס׳זינגען דיינע קינדער ס׳געזאַנג פון אורזיידעס,
דאַך זע איך אַ חלום וואָס פירט אונדז צוזאַמען,
נאָך יאָרן צעשיידונג מיר טרעפן זיך ביידע.

איבער שטעט און לענדער, איבערן ים,
מיר שפּאַנען אַנטקעגן מיט טריט דרייסטע פעסטע;
און פאַלן אין אָרעמס — די לעצטע פון שטאַם,
איינציק פאַרבליבענע ברודער און שוועסטער.

* * *

אַ גרוס דיר מיין שוועסטער אין שעה פון נסיון,
ווען ס׳הויבט זיך אַ רוצחישע האַנט אויף דיין לעבן,
דורך טויזנטער מייל, דורך הימל־רוים בלויען,
איך גריס דיך און בעט דו זאָלסט מיר פאַרגעבן.

ווי ס׳האָט אונדז פאַרגעבן די גוססה מאַמע,
אין שעה פון איר טויט די זינד פון אַמאָל;
אַזוי' זיי מיר מוחל וואָס כ׳בין ניט מיט דיר —
און גיי ניט ארויס פון יאַמערטאַל . . .

און קאָן ניט פאַרלאָזן דעם גלות, די וועלט,
און קאָן ניט פאַרגעסן מיין יידישן לשון . . .
ס׳האָט דאָ, פונקט ווי דאָרט, זיך בלענדיק צעהעלט,
דאָס ליכט פונם פאָלק וואָס ווערט ניט פאַרלאָשן.

אַ גרוס דיר מיין שוועסטער, איך שיק פון דער ווייט,
אין שעה פון נסיון, אין שעה פון געראַנגל;
דאָס בלוט וואָס ווערט דאָרטן פאַרגאָסן אַצינד,
וויינט אויך אין מיר און אין מיינע געזאַנגען.

זיי שטאַרק און זיי מוטיק מיין שוועסטער געטרייע,
דיין האַנט איז אַ ריינע, דיין גייסט ניט געבראָכן!
דורך פיין און דורך שוויס, דורך מי און דורך ליבע,
ועט אויפגיין פאַר אונז דאָס ליכט פון נצחון.

וראָצלאַוו, 1948

# איך גלויב

איך גלויב אין ליכטיקייט וואָס וועט נאָך קומען,
כאָטש שאַטנדיק נאָך זיינען איצט די טעג;
כאָטש אַלע מיינע חלומות זיינען אויסגערונען,
מיט די, וואָס זיינען אין דער אייביקייט אַוועק . . .

איך גלויב אין טעג אין העל צעשטראַלטע,
וואָס מוזען קומען, כאָטש אַרום איז נאַכט;
איך גלויב: ס'וועט פרייד נאָך איבער וועלט אַ שאַל־טאָן,
כאָטש ס'לעבן האָט שוין טויזנט מאָל מיך אויסגעלאַכט . . .

# נאָך לוינט זיך צו לעבן

אײדע מאָזעז.

מיט גאווה און זיכער, דער רשע גייט אום,
און דו גייסט געפּאַלן, געבויגן און שטום;
און שאַרסט זיך דורך טאָגליכט אין ווינקלען פאַרשעמט,
מיט בענקשאַפט און טרויער אין האַרצן פאַרקלעמט.
נאָר ווייס אין דער שעה פון אַליינקייט און פּיין:
נאָך לוינט זיך צו לעבן, נאָך לוינט חד צו זיין.

נאָך זינגט ווו אַ דיכטער מיט האַרץ און מיט לייד,
אַ ליד אַזאַ לויטערס, ווי די פּשוטסטע פרייד;
און ערגעץ־ווו פּערלט אַ מאַמע איר טרער,
און עמיץ שטרעקט אויס נאָך מיט רייַנעם באַגער,
אַ צווייטן געפּאַלענעם ברודער — אַ האַנט,
נאָך לוינט זיך צו לעבן אין צייטן פון שאַנד.

נאָך לוינט זיך צו לעבן —
ווייל ערגעץ אינמיטן דער סדומיקער שטאָט,
זוכט עמיץ אַ וועג נאָך צו מענטש און צו גאָט,
בעט עמיץ פאַרגעבונג פאַר פּיין און פאַר זינד,
איז עמיץ מתפּלל פאַר זקן, פאַר קינד.
און בעט אין דער פינסטער־אומהיימלעכער שעה:
עס לוינט זיך צו לעבן — אַ מענטש איז נאָך דאָ!

מאָנטרעאָל, 1949

# יידישע קינדער

געווידמעט די קינדער
פון דער וואָלאָדעק-פּרעוואַנטאָריע
אין ברינוא.

יידישע קינדער, פריידיק צעשפּילטע און אין לופטיקע זאַלן,
ס'איז אייער געלעכטער צום לעבן די ליכטיקע בריק;
אין אייערע אויגן — זוניקע גאָלדענע קוואַלן —
העלט ווידער די שיין פון אונדזער פאַרלאָשענעם גליק.

איר זייט דער המשך דער יונגער פון טאַטעס און זיידעס,
פאַרטריבן דורך גרויזאַמען שונא אין פינסטערע גריבער;
אין אייער פאַריתומט-אומשולדיקער פרייד איז —
פאַרבאָרגן דאָס ליכט פון פאַרלאָשענע יידישע שטיבער.

אייער געזאַנג פאַרשיכורט אויפסניי מיך מיט פרייד איצט,
פון שפּראַצונג פון נייער, וואָס גייט אויף צו זון און צו לעבן;
איר זייט דער המשך פון גרויזאַם - פאַרשניטענע עדה'ס,
מיט אייך וועט דער פאָדעם ווייטער זיך שפּינען און וועבן.

וואַקסט-זשע, אַ קינדערלעך טייערע, יידישע קינדער,
ווי בלומען צעבליטע און פרייע, אַן פּיין און אַן זאָרגן;
פורעמט דעם יידישן לשון און טראָגט אים, ווי אַ ליכטיקן וווּנדער,
און זייט איר דער אָנזאָג פון נייעם און פריידיקן מאָרגן.

ברינאָוא, 1949

# אין בערג

(פאעמע)

# אין בערג

(פאעמע)

די בערג ליגן שטומע אין נעפּלען פאַרהוילן,
און שטאַרן מיט פעלזיקע הענט, ווי די בלינדע;
זיינען מיר — אַ זכר פון יידישן פוילן —
געקומען אין חשכות אַ פייער אָנצינדן . . .

די בערג ליגן שטומע, ווי פינסטערע ריזן,
וואָס האַלטן דעם סוד פון דער גרויזאַמער תקופה,
נאָר מיר האָבן הפקר די שטילקייט צעריסן,
מיט נייע געזאַנגען פאַראַלן און רופן.

— — — — — — — —

עס ברענט שוין דאָס פייער, מיר רינגלען אַרום עס,
מיט בענקשאַפט פאַראייניקט, פאַרקלעמטע מיט אומעט;
פון וואָגלעניש ווייטער מיד און פאַרמאַטערט,
מיר טוליען צונויף זיך, ווי פאַרלוירענע קינדער,
נאָר עפּעס אין הערצער ווערט העל און צעפלאַטערט,
און ס׳גייט אויף אין חושכער נאַכט, ווי אַ וואונדער —
דערמאָנונג פון היימען אויף סמאַטשע און מילע,
דערמאָנונג פון יידישע שטעטעלעך שטילע.

אמאל פלעגט אַ מחנה פון טויזנטער יאַטן,
די העמדלעך צעשפּיליעט, מיט רויטע קראַוואַטן,
מיט יונגע געזאַנגען די גאַסן פאַרלייגן.
איצט זיצט דאַ אַ הייפל פאַרזונקען אין שווייגן,
איצט וויגן מיר דאַ אַ פאַרגאַנגענעם חלום,
אויף שפּיצן פון בערג, צוקאַפּנס די טאָלן.

נאָר ווער זענען מיר? די לעצטע פון גריבער,
די לעצטע פון בונקערס פון טייגעס און סטעפּעס;
מיט טרויער פאַרוויקלט אין האַרץ ווי אין קרעפּע.
מיט טרערן פאַרטריקנט אין אויגן אין טריבע,

* * *

עס רוען די בערג, ווי מעכטיקע וואַלן,
וואָס זיינען פון חשכות געוואָרן באַפאַלן;
און ס'שטאַרן צום הימל די פעלזן און שטיינער,
ווי חיות צעגלאָצטע מיט ריזיקע ציינער.
אַ שטראָם רייסט ארויס זיך, נעמט פאַלן און פליסן,
און שלענגלט אין טאָלן ביי בערגער צופוסנס,
און ס'פייער צעשפּריצט זיך מיט טויזנטער פונקען,
וואָס ווערן אין נאַכטישן חושך פאַרזונקען.
ביים בלענדיקן שיין פון פלאַם פון צעהעלטן,
מיר רוען צוזאַמען, ניט ווייט די געצעלטן,
און איבער געצעלטן די פאָן איז פאַרהאַנגען,
און איבער דעם אַלעם — יידיש־געזאַנגען.

און איינער נעמט ריידן, עס טראגן די ווינטן,
אויף פליגל אויף לייכטע זיין שטים די געזונטע.

ער שטעלט זיך ביים פייער אין שיין פון די ליכטער,
און ערנסטער ווערן אַרום די געזיכטער.
און שטיל ווערט ארום אויף באַרג און אין טאַל,
ווי כישוף געהיימער גייט אויף דער אַמאָל,
און ס׳פלאַטערן ווערטער, ווי ליכטיקע טויבן;
געטובלט אין טוי פון פיין און פון גלויבן;
— — — — — — — — — —

„אָ, פייער פון האס, אָ, בלוטיקער פלאַם,
שוין טויזנטער יארן באַגלייטסטו מיין שטאַם!

אַזוי האָט געגליט דאָס פייער פון שנאה,
אַזוי האָט דורך דורות געפלאַקערט דער שייטער,
און ס׳זענען די זיידעס געשטאַרקט מיט אמונה,
געגאַנגען אין הימל אויף פלאַמיקע לייטערס.

געפאַנצערט מיט גלויבן ווי שטאַלענע רייפן,
באַהעלטע מיט ליכט פון דעם הייליקן ספר;
מיט ליפן פאַרברענטע — שטאָלצע און שטילע
זיי האָבן אין פלאַמען געפליסטערט אַ תפילה.

זיי האָבן מיט אייגענעם בלוט און מיט טרערן,
וואָס האָבן געפינקלט אין פייער ווי שטערן,
געשריבן פון פיין די גרויסע מגילה.

און ס׳האָבן די טרערן אין פינסטערע צייטן,
געלויכטן, ווי פונקען וואָס רופן פון ווייטן,
און ווען ס׳האָבן לעשן גענומען די פונקען,
און טיפער, אַלץ טיפער דער שטאָם איז געזונקען,
איז ווידער געשען דער אוראַלטער וווּנדער —
פון טיפעניש זיינען געקומען די צינדער.
פון געסלעך פון ווילנער געקומען איז הירש לעקערט,
ס׳געבויגענע פאָלק צום שטרייט אויפגעוועקט האָט.
אַ לויכטנדער פאַקל געווען איז זיין האַרץ,
אינמיטן אַרומיקער נאַכטיקער שוואַרץ.

זיין בלוט האָט געטריפט ווי טראָפּנס פון רעגן,
געצייכנט דעם שליאַך פון די שטורמישע וועגן.
נאָך אים איז אַ דור שוין אַ גאַנצער געגאַנגען,
צום גרויסן פאַרמעסט, צום גרויסן געראַנגל.

מיט לעבן געשפּאַרט האָבן היימישע גאַסן,
געשפּרודלט, געיובלט מיט רוישיקע מאַסן.
און ס׳האָבן געגלייכט זיך די רוקנס די קרומע,
פון יידן געהויקערט־באַבערדיקטע, פרומע.
און ס׳זענען געוואַקסן די יונגע — די זאַנגען,
באַהעלטע מיט טרוימען מיט פרייד און געזאַנגען,
פון ליכט און פון לעבן אַ מחנה צינדער,
געשפּראָצט און געבליט האָבן יידישע קינדער.

נאר ווידער האט ס׳פייער פון טויט זיך צעפלאקערט,
מיט זריעה פון האס די היימערד צעאקערט.
אין ימים פון רשעות דאס פאלק איז געטרונקען,
אין אפגרונטן טיפע א דור איז פארזונקען.

עס ברענען די געטאס — א ריזיקער שייטער,
פון ערגעץ ניטא איז קיין גואל, קיין רעטער.
אין ווארשעווער געטא — דעם מקדש פון פוילן,
פארשטארט ליגן חורבות און טויטע געהוילן.
און יעדער וואנט איז א כותל־מערבי:
ניטא קיין באוויינער קיין לעצטער, קיין נביא.

נאר ס׳ראנגלט זיך אלץ אין רויך און אין פלאמען,
דאס ליכט פונם לעבן, ס׳פייער פון גיהנום,
און מענטש מיטן טייוול פנים אל פנים,
אין טויטן־געראנגל זיך ביידע דערקאנען.

— — — — — — — — —

און מיר די לעצטע געקומען פון בונקערס
מיר טרעפן זיך ווידער אין לאנד פון די יונקערס.
אנטרונען פון שייטער צעקלאפט פון געוויטער,
פון זעליקער שיין מיר ווערן די היטער,
דאס ליכט פונם לעבן זאל ניט ווערן פארלאשן
און ס׳זאל ניט פארגיין דאס מאמישע לשון.

געלייטערט אין פיין, געצוואגן אין שטורעם
מיר הויבן זיך ווידער ארויף, ווי א טורעם!״

— — — — — — — —

זיין קול ווערט אנטשוויגן, ער זעצט זיך אַ מידער,
און מיר זינגען ווידער אַמאָליקע לידער.
ביז נאַכט ווערט איין נעפּלען פאַרבלויטע צערונען,
און ס׳שיילט זיך פון באַרג־שפּיץ אַרויס דער באַגינען,
עס וועקט זיך דער טאָג מיט פייגלשע קלאַנגען,
מיר ענטפערן אַפּ, מיט פרימאָרגן געזאַנגען,
וואָס טראָגן איין לופט זיך, פלאַטערן שוועבן,
מיר הויבן זיך אויף פונם טאָל פון די קברים,
און פלעכטן ווי קייטן די אייגענע אָרעמס,
און גייען אַנטקעגן דעם טאָג און דעם לעבן!

זומער־לאַגער פון י. ב. „צוקונפט״.

נידערשלעזיע, 1946

# אינהאַלט:

## שבעה


זייט

אַזוי איז אַ יוגנט פאַרגאַנגען .... 11

פּאַרטיזאַנער .... 15

שאָטנס .... 16

ווי אַ טרוים .... 17

אין יענעם טאָג .... 18

הענט .... 19

שבעה .... 20

און וואָס? .... 21

ווי אַ משכון .... 22

מאַמע .... 23

קאָן זיין .... 24

וועמען? .... 25

מיין טאַטע .... 26

אבל־ליד .... 27

דורך דורות .... 30


## וואָגל


אַנטלויפסט .... 35

וווהין? .... 36

ווייסע בריוו .... 39

פון מיין לעבן .... 40

אַנטלויפנדיקע קינדער .... 42

איך האָב געפּרוווט .... 43

זייט


צו פוילן .... 44
אין צוג .... 45
עלנט .... 46
ביינאכט .... 47
געשפענסטער .... 48
וואגל־ליד .... 49
בענק ניט .... 50
פארגיב מיר .... 51
דיין נאמען .... 52
אונדזער קינד .... 53


## האפענונג


האפענונג .... 57
צום ליכטיקן ברעג .... 58
אין טעג אזעלכע העלע .... 59
גוט מארגן! .... 60
אין בלויען באגינען .... 61
א. פאלק מיינס .... 63
א גרוס .... 64
איך גלויב .... 66
נאך לוינט זיך צו לעבן .... 67
יודישע קינדער .... 68
אין בערג (פאעמע) .... 70

איך דריק אוים מיין טיפסטן דאנק די שרייבער: איידע מאזע, מלך ראוויטש און ח. מ. קייזערמאן, פאר ארויסגעבן מיין בוך.

איך דאנק אויך דעם ארבעטער־קאמיטעט, די ברענטשעס און קולטור־קלוב ביים ארבעטער־רינג, די בונדישע ארגאניזאציע אין מאנטרעאל, ווי אויך אלע יחידים, באזונדערס דעם חבר. ס. מירמאן, וואס זייער אלעמענס מיטהילף האט דערמעגלעכט דאס דערשיינען פון בוך.

א ספּעציעלן יישר כח דעם סקולפטאר ב. מלחי, פאר דער הילע און צייכענונג, דעם פריינט ד. קאהן, פאר דער איבערגעגעבענער ארבעט ביים דרוקן דעם בוך, ווי אויך דעם פריינט ש. תלפיות, פאר זיין מיטהילף.

ש. ס.